**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט די קומעדיגע פאזע פון סאבוועיס סערוויס פארבעסערונגען און אויסגעברייטערטע סערוויס צו די ביטש**

***פארבעסערטע מיטאג און אוונט וואכנטאג סערוויס איף די BDJM וועלן באנען אנקומען יעדע אכט מינוט***

***וואכנטאג סערוויס פארבעסערונגען איף די 3 און 5 ליניעס צום אנהייבן יולי 6***

***ראקעוועי פארק שאטל צו פירן צו 10-קאר טרעינס און פארלענגערן וועג צו ראקעוועי באלעווארד איף וואכנטעג ביז סעפטעמבער 3***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די קומענדיגע פאזע פון סאבוועי סערוויס פארמערונגען, וועלכע וועלן פארבעסערן סערוויס איף מערערע סאבוועי ליניעס סערווירנדיג בראנקס, ברוקלין, מאנהעטען, און קווינס. פון מאנטאג, יולי 1, איז פארבעסערטע מיטאג און אוונט סערוויס איף וואכנטעג געווארן צוגעלייגט צו די **B, D, J** און **M** ליניעס. רייזנדע וועלן יעצט זען באנען אנקומען יעדע אכט מינוט דורכאויס די מיטאג און אוונט שעות. אנגעהויבן פון שבת יולי 6, וועלן די **3** און **5** ליניעס זען פארבעסערטע סוף-וואך סערוויסעס. רייזנדע וועלן זען באנען אנקומען יעדע 10 מינוט.

"בעת טראנספארטאציע סיסטעמען לענגאויס די סיטי שניידן איף סערוויסעס, האב איך שטארק געקעמפט צו ראטעווען MTA פון די פיסקל קריזיס און אויסברייטערן סאבוועי סערוויסעס אין לעצטע יאר'ס בודזשעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארבעסערונגען האבן צוריקגעברענגט מער רייזנדע צו די סיסטעם און געגעבן מער צוגענגליכע און פארלעסליכע טראזיט פאר ניו יארקער."

אין צוגאב צו סערוויס פארבעסערונגען, וועט די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (MTA) פארלענגערן די ראקעוועי שאטל מיט 10-קאר טרעינס, ווי אויך פארלענגערן די שאטל'ס וועג צו ראקעוועי בולעווארד איף וואכנטעג ביז לעיבער דעי. צווישן 9:00 a.m. און 9:00 p.m. איף שבת און זונטאגס, וועט די פארלענגערטע שאטל אנגיין פון ראקעוועי בולעווארד, ערלויבנדיג ביטש-גייער דורכאויס דעם זוממער אריבערצוגיין פון און צו A באנען סערווירנדיג סיי די לעפערטס בולעווארד און פאר ראקעוועי ברענטשעס.

**MTA טשעיר און CEO דשענאו ליבער האט געזאגט,** "בשעת יולי 4 קומט אנטקעגן, פלאננען ניו יארקער זייערע ביטש טעג, און טראנזיט איז די מערסטע צוגענגליכע רייזע אפציע. פון לאנג איילענד ביז קאוני איילענד, פון ארקארד ביטש ביז ראקעוועי ביטש און ארויס צו מאנטאוק און מילפארד, איז MTA די גרינע, שנעלע און גרינגע וועג אנצוקומען אהין."

**NYC טראנזיט צייטווייליגע פרעזידענט דעמיטריאס קרייקלאו האט געזאגט,** "סיי ווען מיר האבן די מעגליכקייט צו פארבעסערן סערוויסעס, וועלן מיר עס טון. קאסטומערס האלטן אין איין זאגן אז

פארבעסערטע סערוויס און פארמינערטע ווארטן צייט וועט זיי מאכן צוריקקומען. מיר זענען פרייליך אנצוהייבן די פערדע פאזע פון סערוויס פארמערונגען יעצט, כדי רייזנדע קענען נוצן די סאבוועי אנצוקומען צו די מיליאנען זאכן וואס מען קען טון ארום ניו יארק סיטי אין די זוממער."

**MTA טשיף קאסטומער אפיציר שאניפע רירע האט געזאגט,** "קאסטומערס ווילן בעסערע, באקוועמערע סערוויסעס זיי צו נעמען צו וואו זיי דארפן אנקומען שנעלערהייט און מיט זיכערהייט. די פארבעסערונגען וועלן בענעפיטן רייזנדע אין ברוקלין, קווינס, מאנהעטען און די בראנקס אין א צייט ווען רואיגע רייזן איז ביים שפיץ יעצט אז שולע האט זיך געענדיגט."

די פארבעסערטע סערוויסעס אויף די **BDJM** און **3,5** זענען א טייל פון די 35 מיליאן דאלאר וואס איז אריינגערעכנט געווארן אין די פיסקל יאר 2024 ניו יארק סטעיט בודזשעט פאר [סאבוועי סערוויס פארבעסערונגען]. די **J** און **M** ליניעס זענען געווען צווישן די ערשטע צו בענעפיטן פון די פלאנירטע פארבעסערונגען, ווען NYC טראנזיט האט פארבעסערט סוף-וואך סערוויסעס אינאיינעם מיט די **G** פאריגע יולי.

אנדערע סאבוועי ליניעס וואס וועלן באקומען סערוויס פארבעסערונגען נעמען אריין די **G, C, N, R, 1** און **6**.

די ראקעוועי שאטל האט טראדעציניעל געארבעט מיט פינף-קאר באנען און ארבעט צווישן בראוד קאנאל און ראקעוועי פארק-ביטש 116 סטריט. די שאטל'ס פארלענגערטע וועג צו ראקעוועי בולעווארד וועט צולייגן פיר סטאפס - ראקעוועי בולעווארד, אקווידאקט רעיסטרעק, אקווידאקט-N קאנדאוט אוועניו און האווערד ביטש-JFK לופט פעלד.

**גרייכט צום ביטש מיט די MTA**

די MTA גיבט סערוויסעס צו אלע לאנג איילענד און ניו יאָרק סיטי ביטשעס.

*לאנג איילענד ביטשעס*
די LIRR אפפערט פארבעסערטע סערוויסעס פאר ביטש סעזאן, מיט סערוויס צו אן אויסוואל פון ביטשעס אריינגערעכנט דשאונס ביטש דורך די בעבילאן ברענטש, לאנג ביטש דורך די לאנג ביטש ברענטש און פייער איילענד דורך די מאנטאוק ברענטש.

די LIRR גיבט די קאנאנבאל נאך באנען צו מאנטאוק. סך הכל, דאנערשטאגס זענען דא זיבן באנען וואס קומען אן ביי מאנטאוק צווישן 10:58 a.m. און 11:39 p.m., און פרייטאגס זענען דא ניין באנען צו מאנטאוק צווישן 10:58 a.m. און 11:39 p.m.

פאר די וואס ווילן ענדערש אויסנוצן זייער זוממער סוף-וואכן אויף לאנג איילענד'ס צפון שאור, האט די LIRR געדאפלט די צאל פון סוף-וואך רייזעס צווישן ראנקאנקאמע און גרינפוינט צווישן פירע און אכטע.

*ברוקלין ביטשעס*

- די **D, F, N**, און **Q** שטעלן זיך אפ ביי קאוני איילענד, ווי אויך די B36, די B68 און B82 באסעס. קאסטומערס קענען אויך נעמען א קאוני איילענד באונד **F** אדער **Q** באן צו מערב 8 סטריט-NY אקוועריום.
- די **B** און **Q** סאבוועי ליניעס, ווי אויך די B1 און B68 באסעס, קענען נעמען קאסטומערס צו ברייטאן ביטש.
- די B1 און B49 באסעס קענען אויך נעמען קאסטורמערס צו מאנהעטען ביטש.

*סטעטין איילענד ביטשעס*

- אויף סטעטין איילענד, וועלן די S51, S52 און S81 באסעס זיך אפשטעלן ביי דרום ביטש. די S51 און S81 שטעלן זיך אויך אפ ביי מידלאנד ביטש.
- די S76 און S86 באסעס קענען אויך נעמען קאסטורמערס צו סידער גראוו ביטש.
- די סטעטין איילענד רעילוועי (SIR) צו בעי טעררעס, ווי אויך די S78 און S79 באסעס, קענען נעמען קאסטומערס צו גרעיט קילס פארק.
- די סטעטין איילענד רעילוועי (SIR) צו פרינץ'ס בעי , ווי אויך די S55 און S56 באסעס, קענען נעמען קאסטומערס צו וואלף'ס פאנד ביטש.

*קווינס ביטשעס*

- ראקעוועי ביטש האט אקטיווע סערוויס מיט צוויי סאבוועי ליניעס, פינף באסעס און א LIRR וואס שטעלט זיך אפ דארט. קאסטומערס קענען נעמען אדער די A אדער ראקעוועי פארק שאטל, די LIRR צו פאר ראקעוועי אדער די Q22, Q35, Q53-SBS, Q52-SBS אדער Q114 באסעס.

*די בראנקס ביטשעס*

- די Bx29 קענען נעמען קאסטומערס צו סיטי איילענד/ארקארד ביטש.

*קאנעטיקאט ביטשעס*

- קאסטומער קענען נעמען די מעטרא-נארט רעיל ראוד צו מילפארד, וואו זיי זענען אנקומען צו אן אויסוואל פון ביטשעס אריינגערעכנט סילווער סענדס ביטש, וואלנאט ביטש אדער ווילדעמער ביטש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן